# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:31
מוצאי שב"ק.................9:01

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................ישעיה י"ב-י"ג
בבלי.......................קידושין ו'
ירושלמי................מעשרות ה'
תוספתא....................פרה י"ב
רמב"ם.....................שבת י"א

פרשת שופטים, ב' אלול, אבות פרק ו', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 47 (617)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ לֹא תִירָא מֵהֶם. דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אִין מִלְחָמָה, אוּן זֵיי זֶעעֶן וִוי דֶער פֵיינְט אִיז פִיל מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּן זֵיי, זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. דֶער כֹּהֵן מָשִׁיחַ מִלְחָמָה זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן פַאר דִי אִידְן, "אִיר זָאלְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי גוֹיִם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְּן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן פַאר אַייךְ". זָאגְן דֶערוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה מב.) דֶער כֹּהֵן מָשִׁיחַ מִלְחָמָה הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי גֶערוּדֶער פוּן דִי מֶעכְטִיגֶע פֶערְד, פוּן דִי קוֹלוֹת פוּן זֵייעֶרֶע פַאנְצֶערְס וָואס קְלַאפְּן ווילְד, פוּן דִי רַעַשׁ פוּן דִי שׁוֹפְרוֹת וָואס זֵיי בְּלָאזְן מִיט דֶעם הוֹיךְ, אוּן פוּן דִי מֶעכְטִיגֶע גֶעשְׁרֵייעֶן, נָאר זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ק"כ), אַזוֹי וִוי בַּיי אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, זוּכְט מֶען אַרַיין צוּ וַוארְפְּן דֶעם שׂוֹנֵא אִין אַ פַּחַד, אוּן דוּרְךְ דֶעם אַנְטְלוֹיפְן זֵיי, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי רוּחָנִיּוֹת'דִיגֶע מִלְחָמָה, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַרַיין צוּ וַוארְפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מִלְחָמָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה. נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין, נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

אַפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס אַזוֹי מָאדְנֶע אַז אִיךְ זָאל נָאךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה אוּן וֶוערְן אַ צַדִּיק, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט, קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, מֶען הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ טַאפּ אַ וַואנְט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי אִין דִי פִינְסְטֶער, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר גֵייט עֶס מִיךְ נִישְׁט. אִיךְ וִויל זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, אִיךְ וִויל דַאוֶוענֶען, אִיךְ מַאךְ יֶעדְן טָאג אָפּ פוּן פְרִישׁ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ זַיין וואוּיל, אוּן עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט. זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי: לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין רָצוֹן צוּ זַיין גוּט, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל אוֹיךְ דַאוֶוענֶען, אִיךְ וִויל אוֹיךְ לֶערְנֶען, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֵשׁוֹת", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה.

מֶען זֶעט בַּיי 'גַשְׁמִיוּת' אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל מְיַיאֵשׁ, אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פְּרוּבִּירְט אֵיין מָאל צוּ מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, וֶועט עֶר זוּכְן צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטֶע סָארְט גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'רוּחָנִיּוּת' טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ: 'נֶע, עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר חָשׁוּבֶ'ע אִידְן...' פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן?! קֶענְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּענְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח), אַז אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע אוּן נָאךְ מֶער שְׁוֶועריִקְייטְן, עֶס הָאט זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְגֶעזֶען וִוי קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט אוּן זֵיי וֶועלְן שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, נָאר אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ שְׁטַארְקְן, אַפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועל אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. וֶוען צְוֵוויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶוער אִיז דֶער גֶעווינֶער? דֶער וָואס גֶעבְּט דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ; אַז אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ פַּאטְשׁ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען מִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְּן, אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן וואוּ אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, וֶועל אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אִיךְ וֶועל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְהֵייבְּן, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט "טוֹיזְנְט הַתְחָלוֹת אִין אֵיין טָאג", הַלְוַאי זָאלְן מִיר כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ טָאג זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנֵייעֶן, נָאכְאַמָאל אָפְּמַאכְן צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְאַמָאל וֶועלְן אִינְזִינֶען הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען, נָאכְאַמָאל וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן 'נֶע עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר', - נָאר עֶס אִיז יָא פַאר מִיר! אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל בֶּענְקֶען דִיךְ צוּ דִינֶען אַפִילוּ עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, שׁוֹפְטִים תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן חַ"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָּן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ
<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ פְרֶעגְסְט זִיךְ אַלֵיין: 'מַה חוֹבָתִי בְּעוֹלָמִי, וָואס אִיז מַיין טַאלַאנְט אוֹיף וָואס אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן?'

זָאג אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דַיין זַאךְ אִיז זַיין אַ אִיד, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאוֶוענֶען דְרֵיי תְּפִילוֹת, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה, אוּן טוּן חֶסֶד; דָאס אִיז דַיין פְלִיכְט, מַיין פְלִיכְט אוּן אַלֶעמֶענְ'ס פְלִיכְט.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט עֶפֶּעס מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט עֶפֶּעס מֶער וְכוּ'; זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין פְרֵיילִיךְ, זַיין צוּפְרִידְן, פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַנְדֶערֶע.

אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד הָאט גֶעזָאגְט, דִי גְרֶעסְטֶע טַאלַאנְט אִיז, אֵיינֶער וָואס הָאט קֵיין שׁוּם טַאלַאנְט אוּן עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אֱמוּנָה – דָאס אִיז הֶעכֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּן יֶעדֶע טַאלַאנְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֶתְחַנָּן תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסֶה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי"ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן; לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה וָואס רֶעדְט פוּן פָאְרן צוּ צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רִיא, אוּן זָאגְן דִי תְּפִילָה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת סִימָן עו - יֶעדְן טָאג; דָאס אִיז אַ סְגוּלָה בָּדוּק וּמְנוּסֶה צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי"ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶערִיבֶּער, אַז דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זוֹכֶה זַיין צוּ טָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבָה אוּן צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים - זָאלְסְטוּ פוּן הַיינְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַנַ"ל, אוּן זָאגְן דִי תְּפִילָה הַנַ"ל, עֶס אִיז אַ קוּרְצֶע תּוֹרָה אוּן אַ נִישְׁט לַאנְגֶע תְּפִילָה; וֶועסְטוּ בְּוַדַאי זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי"ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

דָא הָאסְטוּ דִי תּוֹרָה:

מַה שֶׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים, כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת, כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם. כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: כֻּלָּא בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ. וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף", 'מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק', הַיְנוּ שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים. וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם, וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה.

אוּן דִי תְּפִילָה:

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתְּזַכֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְלִהְיוֹת מְקֻשָּׁר תָּמִיד לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְעַל־יְדֵי־זֶה אֶזְכֶּה לְקַדֵּשׁ אֶת דַּעְתִּי וּמַחֲשַׁבְתִּי בִּקְדֻשָּׁה גְדוֹלָה. וְתַחְמֹל עָלַי בְּחֶמְלָתְךָ הַגְּדוֹלָה, וְתִהְיֶה בְּעֶזְרִי וְתַצִּילֵנִי מִכָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּמִכָּל מִינֵי פְּגַם הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם, וּתְחָנֵּנִי מֵאִתְּךָ חָכְמָה דֵעָה בִּינָה וְהַשְׂכֵּל, וּתְזַכֵּנִי מְהֵרָה לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת בֶּאֱמֶת. וּבְרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תַּמְתִּיק וּתְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. וְנִזְכֶּה לְקַבֵּל קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל־יְדֵי הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וּלְתַקֵּן כָּל הַתִּקּוּנִים שֶׁצְּרִיכִין לְתַקֵּן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה. וְתִהְיֶה מַחֲשַׁבְתֵּנוּ קְדוֹשָׁה וּטְהוֹרָה תָּמִיד, וּבִפְרָט בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ.

אָנָּא רַחוּם, בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תְּרַחֵם עָלֵינוּ וּתְזַכֵּנוּ וּתְחָנֵּנוּ אָז לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בְּיוֹתֵר, וְתִשְׁמְרֵנוּ וְתַצִּילֵנוּ שֶׁלֹּא יַעֲלֶה אָז עַל מַחֲשַׁבְתֵּנוּ שׁוּם מַחֲשָׁבָה זָרָה וְחִיצוֹנָה כְּלָל, רַק בְּשִׁמְךָ נָגִיל כָּל הַיּוֹם בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה גְדוֹלָה, בְּמַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת וְזַכּוֹת וְצַחוֹת בְּתַכְלִית הַזַּכּוּת וְהַבְּהִירוּת, עַד שֶׁנִּזְכֶּה בְּכֹחַ הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים לְתַקֵּן וּלְבָרֵר כָּל הַבֵּרוּרִים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, לְבָרֵר כָּל נִיצוֹצוֹת הַקְּדֻשָּׁה מֵעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, וּלְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים שֶׁבָּעוֹלָם מֵעָלֵינוּ וּמֵעַל כָּל

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אוֹיפְצִיְוועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זי"ע פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְווִישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים. פְלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע ווִי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֶל'ן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג. וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֶל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, תִּיקוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז ווִי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְלֶעצֶער ווָאוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּעְרָאל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טֵייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעווִיסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נֵייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי ווִי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶּער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

<<<<<< ברייוו פון ראש ישיבה שליט"א

עַמְּךָ בֵּית־יִשְׂרָאֵל, וְיַמְשֵׁךְ עָלֵינוּ אַךְ טוֹב וָחֶסֶד וִישׁוּעָה וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים "מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה". וְתִכְתְּבֵנוּ וְתַחְתְּמֵנוּ אָז לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, לְחַיִּים אֲמִתִּיִּים, חַיִּים שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם יִרְאַת שָׁמַיִם, חַיִּים שֶׁנִּזְכֶּה בָּהֶם לִשְׁמֹר מִצְוֹתֶיךָ וְלַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, וּלְתַקֵּן כָּל מַה שֶּׁפָּגַמְנוּ מֵעוֹדֵנוּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה, וְתַשְׁפִּיעַ עָלֵינוּ פַּרְנָסָה טוֹבָה וְרַחֲמִים וְחַיִּים וְשָׁלוֹם וְכָל טוֹב.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יוֹדֵעַ גֹּדֶל הַחִיּוּב לִנְסֹעַ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, וְגַם אַתָּה יוֹדֵעַ אֶת עֹצֶם רִבּוּי הַמְּנִיעוֹת שֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל זֶה מִכָּל הַצְּדָדִים. חוֹמֵל דַּלִּים, חוּס וַחֲמֹל עָלֵינוּ וְעָזְרֵנוּ וְזַכֵּנוּ לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת, וְהוֹרֵנוּ דְּרָכֶיךָ וְהַדְרִיכֵנוּ בַּאֲמִתֶּךָ וְלַמְּדֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לֵילֵךְ וְלִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה עַל־יָדָם לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בֶּאֱמֶת. כִּי אַתָּה יוֹדֵעַ שֶׁעַכְשָׁיו בְּעוּקְבוֹת מְשִׁיחָא, עִקָּר סְמִיכָתֵנוּ וִישׁוּעָתֵנוּ הוּא רַק עַל יְמֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, אֲשֶׁר בָּהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ, וּלְהַמְשִׁיךְ אֱלָקוּתְךָ וּמַלְכוּתְךָ עָלֵינוּ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל כָּל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ. וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲשֶׂה בִּימֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, וְאֵיךְ לְרַצּוֹת אוֹתְךָ אָז כָּרָאוּי. שֶׁנִּזְכֶּה לְהַמְלִיכְךָ עָלֵינוּ בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, וְאֵיךְ לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הַשּׂוֹנְאִים וְהַמְקַטְרְגִים לִסְתֹּם פִּי מַסְטִינֵנוּ וּמְקַטְרִיגֵנוּ, כִּי אִם בִּזְכוּת וְכֹחַ הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, עֲלֵיהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים וּבָהֶם אָנוּ סְמוּכִים, כִּי הֵם יִלָּחֲמוּ לְפָנֵינוּ וְיַכְנִיעוּ וְיַפִּילוּ כָּל שׂוֹנְאֵינוּ וְרוֹדְפֵינוּ, וְיַמְשִׁיכוּ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּשְׁלֵמוּת, עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, וֶהְיֵה בְּעֶזְרֵנוּ שֶׁנִּזְכֶּה לְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וְנִזְכֶּה לָבֹא לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וּלְהִתְקַשֵּׁר אֲלֵיהֶם בֶּאֱמֶת וְלִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה בִּשְׁלֵמוּת עַל־יָדָם, וְנִזְכֶּה לְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל כָּל הַדִּינִים וּלְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ חֲסָדִים טוֹבִים, וּתְזַכֵּנוּ לְהַכִּיר וְלָדַעַת רוֹמְמוּתְךָ וּמֶמְשַׁלְתְּךָ עָלֵינוּ, וְתִמְלֹךְ עָלֵינוּ בִּכְבוֹדְךָ מְהֵרָה, "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ. וְיָבִין כָּל יָצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה", וּתְטַהֲרֵנוּ וּתְקַדְּשֵׁנוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ב)

<<<<<< נייעס

קען נאך טון כדי צו האבן א פאספארט אין צייט.

**טיקעט רעזערוואציע:** מאכט זיכער אז אייער טיקעטס זענען געענצליך אויסגעצאלט כדי צו קענען אנהאלטן דעם רעזערוואציע בעז"ה. נאך ראש חודש אלול קען מען שוין מער נישט גאראנטירן דעם טיקעט.

**מתנה פאר'ן רבי'ן:** אויסער תפילות גרייטן זיך אנשי שלומינו צו קומען צום הייליגן רבין מיט מתנות. עס איז א דרך ארץ ווען מען קומט צו גאסט אויף א שבת אדער א יום טוב, ברענגט מען עפעס מיט א מתנה, בלומען, א נאש, א טשאקאלאד, ביי אנשי שלומינו איז דא א מנהג אז ווען מען קומט צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה ברענגט מען מיט א מתנה פאר'ן רבי'ן, איינער ברענגט א סיום משניות, א מסכתא, זוהר הקדוש, דעם רבינ'ס ספרים, און דאס גלייכן, וואס מען האט אליין זוכה געווען צו לערנען דורכאויס די יאר, מיט די חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן. דערפאר איז יעצט די צייט צו דערמאנען, אז מען זאל זיך צוגרייטן יעדן טאג צו לערנען אביסל פון דעם לימוד וואס מען וויל מסיים זיין ביים הייליגן רבי'ן, יעצט ווען עס איז נאך דא עטליכע וואכן.

**פלען-איט-רייט** איז גרייט ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו מיט אלע רייזע געברויכן בכלליות, און בפרט אויף אומאן ראש השנה, ווי פלען-איט-רייט איז באקאנט אלס דער יחיד מומחה, ווי זיי וועלן אייך צושטעלן אייערע געברויכן לויט אייער בודזשעט און פארלאנג, אנגעהויבן פון פליגערס, באסעס, באנען, אינשורענס, פאספארט, און אזוי ווייטער.

**פלען-איט-רייט 845-678-3555**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?

*שְׁאֵלָה:*

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד בֶּענְטְשְׁן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן נָאכְאַמָאל כַאפְּט מִיר אָן דִי פַּחַד וָואס אִיךְ בַּאקוּם יֶעדֶעס יָאר אַזַא צַייט. יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס קוּמְט עֶרְנְסְטֶע טֶעג, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם כִּיפּוּר, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה, וְכַדוֹמֶה, וֶוער אִיךְ זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, עֶס כַאפְּט מִיר אָן אַ צִיטֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס עֶס גֵייט זַיין, אֶפְשָׁר גֵייט גֶעשֶׁען טְרַאגֶעדְיֶעס.

עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן בַּיי מִיר סְתַּם אַזוֹי אַסַאךְ מָאל אַז עֶס כַאפְּט מִיר אָן אַ פְּלוּצְלִינְגְדִיגֶע פַּחַד אַז אֶפְשָׁר גֵייט עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ פַּאסִירְן צוּ מִיר, צוּ מַיין מַאן, אָדֶער צוּ מַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל הָאבּ אִיךְ עֶס וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין אֱמֶת'ע פַּחַד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל פַארְוָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן פְּחָדִים, וְוִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם־אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי אִיז אַ צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פוּן רַחֲמָנוּת, אַ חוֹדֶשׁ וָואס מִיר קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (לִקּוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה לב, ב) אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס אִיז אַ גַאנְץ יָאר אִין פַּלַאץ, נָאר גְרוֹיסֶע שָׂרִים קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין פַּלַאץ, אֵיינְמָאל אַ יָאר גֵייט דֶער קֶענִיג אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע פוֹיעֶרְן, אַלֶע פַּארְמֶערְס, דֶעמָאלְט קֶענֶען זֵיי רֶעדְן צוּם קֶענִיג; אַזוֹי אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים בֶּעטְן רַחֲמָנוּת.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּקְט אִינֶעם מַחְזוֹר, אַלֶע פִּיּוּטִים; אַזֶעלְכֶע זִיסֶע פִּיּוּטִים. לְמָשָׁל דֶער פִּיּוּט 'וְכֹל מַאֲמִינִים'; דִי הַארְץ קֶען צֶעגֵיין פוּן דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן וְכֹל מַאֲמִינִים, וְוִי מֶען רֶעכְנְט אוֹיס דִי רַחֲמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אוּנְז: "וְכֹל מַאֲמִינִים", מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן, "שֶׁהוּא חַי וְקַיָּם", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, "הַטּוֹב", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, "וּמֵטִיב לָרָעִים וְלַטּוֹבִים", אוּן עֶר טוּט גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מִיט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן, "הַסּוֹבֵל, וּמַעְלִים עַיִן מִסּוֹרְרִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, "הַפּוֹתֵחַ שַׁעַר לְדוֹפְקֵי בִּתְשׁוּבָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר פַאר דִי וָואס קְלַאפְּן אוּן ווִילְן תְּשׁוּבָה טוּן, "וְכֹל מַאֲמִינִים", מִיר אַלֶע גְלֵייבְּן, "שֶׁהוּא פְּתוּחָה יָדוֹ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרֶעקְט אוֹיס דִי הֶענְט מִיר זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, "הַצּוֹפֶה לָרָשָׁע וְחָפֵץ בְּהִצָּדְקוֹ", עֶר זוּכְט אִינֶעם רָשָׁע גוּטְס אִים צוּ קֶענֶען בַּארֶעכְטִיגְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; דָאס אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, דָאס אִיז זִיס; מֶען זֶעט דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה.

אַנְשְׁטָאט זַיין דֶערְשְׁרָאקְן - נֶעמְט אַ תְּהִלִּים'ל אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ; תְּהִילִים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּהִילִים בְּרֶענְגְט צוּ תְּשׁוּבָה. דֶער

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג):

"מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִילִים, וַוייל תְּהִילִים אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה; "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה, דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זֶענֶען אַלֶע עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִילִים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִילִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר
זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ג)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע - בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

# סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל**

**למזל טוב, א אינגל, ביי זיין איידעם**

מו"ה **נתנאל פארקאש** שליט"א

בן מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א

**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב, קרית יואל**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת; דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **משה ראזענבערג** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **ישראל סאמעט** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון יואל נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון שמשון נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון מענדל נ"י למזל טוב**

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# אנשי שלומינו ביים הילולא קדישא פון הרה"ק מסאטמאר זי"ע

תלמידי היכל הקודש זענען נישט קיין פרעמדע געסט ביים ציון הקדוש אין קרית יואל, כמעט יעדעס מאל ווען מען גייט נאר ארויף צום הייליגן ציון זעט מען דארט אנשי שלומינו חסידי ברסלב, וואס לאזן נישט אויס קיין געלעגנהייט א גאנץ יאר, ארויפצוקומען צו דעם הייליגן פלאץ דער ציון פונעם הייליגן סאטמאר רבין זי"ע, אן ארט וואס איז מסוגל לישועות.

דער הייליגער רבי האט אסאך גערעדט איבער די גרויסקייט פון מתפלל זיין ביי קברי צדיקים. דער רבי שרייבט אין ספר המידות אז ווען מען איז מתפלל ביי א ציון פון א צדיק ווערט מען געהאלפן אפילו מען איז נישט ראוי דערצו.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט רעדן און מעודד זיין די תלמידים וואס וואוינען אינעם הייליגן שטאט קרית יואל, און אזוי טוט אויך דער ראש ישיבה שליט"א כסדר, אז מען זאל נישט זיין קיין בטלנים, און נישט פארגעסן פונעם גרויסן אוצר וואס זיי האבן אזוי נאנט צו זיך, א ציון פון א הייליגן צדיק, און אלעמאל ווען מען דארף א ישועה זאל מען זיך אריבערכאפן צום הייליגן ציון און דארט בעטן דעם אייבערשטן.

מוהרא"ש פלעגט רעדן זייער גרויס איבער'ן הייליגן סאטמאר רבי זי"ע, און פלעגט זאגן אז נאר אין זיין זכות איז געראטעוועט געווארן דאס אידישע פאלק נאכ'ן גרויסן חורבן, מען זאל נישט חלילה פארכאפט ווערן פונעם ס"ם וואס האט אריינגעברענגט אין די וועלט די ציוניסטישע געדאנקען פון כוחי ועוצם ידי, ער פלעגט זאגן אז עס האט געפעלט א האר אז אלע ממש זאלן פארכאפט ווערן דערפון, ווען נישט דער גרויסער צדיק דער הייליגער סאטמארער רבי זי"ע איז געשטאנען ממש איינער אליינס קעגן די גאנצע וועלט און אויסגעשריגן די ריינע אמונה, אז עס איז דא א באשעפער וואס פירט די וועלט, און מעודד געווען די צעבראכענע אידן וואס זענען ארויסגעקומען נאכ'ן וועלט מלחמה און האבן אלעס פארלוירן, אז זיי זאלן נישט האבן קיין קשיות אויפ'ן אייבערשטן. אזוי האט ער אויפגעבויעט כלל ישראל פונדאסניי, איבערגעפלאנצט די יסודות פון די פריערדיגע צדיקים אויפ'ן טריפה'נעם באדן פון אמעריקע, און אויף זיינע יסודות לאנען מיר זיך אן ביז'ן היינטיגן טאג ווען מען בויעט פרישע קהילות און מוסדות אין די גאנצע וועלט און בפרט אין אמעריקע.

די וואך זונטאג, ביומא דהילולא קדישא כ"ו אב, האבן אנשי שלומינו אויסגענוצט דעם געהויבענעם טאג, דער עת רצון אין טאג פונעם יארצייט, און געטון וואס מוהרא"ש האט אויסגעלערנט אז ביי א ציון פון א צדיק דארף מען נישט שטופן ח"ו מענטשן און זוכן צו שטיין דווקא ביי די מצבה, נאר מען זוכט זיך אויס א שטילע ווינקל פון וואו מען קען זען דעם ציון און מען זאגט קאפיטלעך תהלים, און מען בעט זיך אויס בינו לבין קונו אלע בקשות אויף מאמע לשון, מיט פשוטע ווערטער. און טאקע אנשי שלומינו פארציילן גאר אסאך מופתים וואס מען פועל'ט ביים הייליגן ציון אין קרית יואל.

***

# אומאן ראש השנה אינפארמאציע

שטייענדיג בלויז א חודש אפגערוקט פונעם הייליגן יום טוב ראש השנה תשפ"ד הבעל"ט, וויל די געטרייע רייזע אגענטור "פלען-איט-רייט" דערמאנענען עטליכע וויכטיגע זאכן וואס איז וויכטיג צו וויסן און גדענקען פאר די אלע וואס ווילן קומען צום הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה.

**תפילות:** די ערשטע און די וויכטיגסטע זאך איז תפילה און נאכאמאל תפילה, וויפיל מאל מען רעדט פון תפילה איז נישט גענוג, ווי חז"ל רעכענען עס אויס צווישן די "דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם", דאס איז די עכסטע און וויכטיגסטע זאך, און איז קריטיש כדי צו קענען קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זוכה זיין צו פארן בשלום און זיין ביים הייליגן רבי'ן, און צוריק קומען בשלום געזונטערהייט.

**פאספארט:** עס איז שוין לאנג אפגעלאפן די צייט צו קענען מאכן א פאספארט אויף די פשוטע וועג, וואס נעמט יעצט לויט די סטעיט דעפארטמעט בערך דריי חדשים, און אפילו א פארשנעלערטע פאספארט נעמט בערך 2 חדשים. עס איז זייער וויכטיג צו איבערקוקן דעם פאספארט שוין היינט, און אויב באמערקט איר אז עס לויפט אפ אין ווייניגער פון זעקס חדשים פון צוריק קומען פון אומאן, זאלט איר זיך שוין פארבינדן צו אייער אגענט אין פלען-איט-רייט וואס וועט אייך געבן בעז"ה די אפציעס וואס מען

## ימים נוראים

**שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**